# רבי אביגדור ענטפערט...

שאלות פונעם המון עם אין אלע ענינים פון יהדות, השקפה, עצות, און נאך, וואס זענען געענטפערט געווארן דורך

**הגה"צ חכימא דיהודאי, הרב**
**רבי אביגדור מיללער זצ"ל**

ביי די בארימטע ליל שישי שיעורים



ראה
תשע"ט לפ"ק
גליון פ"ד

## שאלה

### פארוואס זענען דא אזויפיל בחורים און מיידלעך וואס גייען ר"ל אראפ פון דרך?

## ענטפער:

ערשטנס כל לאמיר זיך פרעגן דאס פארקערטע: פארוואס זענען דא אזויפיל **גוטע** קינדער **אויפ'ן דרך**? איך זאג אייביג די זעלבע זאך. איך בין אמאל איינגעלאדנט געווארן צו רעדן צו א פארזאמלונג פון פרומע בית יעקב מיידלעך. **צוויי טויזנט** מיידלעך זענען דארט געזיצן, צוויי טויזנט פרומע מיידלעך! און שפעטער האב איך געטראכט אז דאס איז נאך גארנישט, עס זענען דא צוויי טויזנט מיידלעך אויף דעם פלאץ, צוויי טויזנט אויף דעם פלאץ, ברוך השם, ברוך השם, עס זענען היינט דא אזויפיל פרומע קינדער איבעראל! אזוי פיל טויזנטער מענטשן ערציען היינט זייערע קינדער אויפ'ן ריכטיגן וועג. דא איז א פרומע שולע פון מיידלעך; צען באסעס זענען אויסגע'שורה'ט אינדרויסן, ברוך השם. איז לאמיר זיך קאנצענטרירן אויף דעם!

אודאי, ס'איז א ווייטאג אז געוויסע פון זיי גייען אראפ פונעם דרך, אבער קודם לאמיר שעצן די **מעכטיגע מהפיכה**, א רעוואלוציע קומט פאר. די עם ישראל וואקסט און דאפלט זיך, און **זייער** זייער אסאך מענטשן ווערן פרומער און פרומער, ברוך השם, מיר קוועלן פון דעם. ווען מיר זעען פרומע אידן, גיב זיי א ברכה: הקדוש ברוך הוא וויל אז זיי זאלן זיך פארמערן און פארדאפלען. דאס איז זיין גרעסטע רצון אז די עם ישראל זאל זיך פארמערן און וואקסן.

איז געוויסע זאכן דארפן געטון ווערן - אבער יעצט איז נישט דאס פלאץ צו רעדן דערפון – כדי צו מאכן די שולעס מער עפעקטיוו אין מחנך זיין די אינגלעך און מיידלעך מיט יראת שמים, און וויאזוי צו לעבן מוצלח'דיג. געוויסע בחורים האבן נישט די **יכולת** צו לערנען גמרא, זיי דארפן מער מוסר, מער השקפה, געוויסע שינוים דארפן איינגעפירט ווערן, ניין, נישט אלעס איז 'פערפעקט'. פון דעסט וועגן דאך, יעצט דארפן מיר זיך קאנצענטרירן אונזער מחשבה צו דאנקען הקב"ה אויף די געוואלדיגע גליקליכקייט ווען מיר זעען דאס אידישע פאלק וואקסט.

אגב, אין ארץ ישראל איז דאס די הויפט זארג פון די רשעים; די רשעים זענען זייער שטארק באזארגט. זיי זעען אז אויב זיי וועלן נישט טון עפעס דראסטיש, וועלן די פרומע בקרוב איבערנעמען אלעס. זיי זענען ווי פרעה; ער האט געזאגט **"פן ירבה"**, און השי"ת האט געזאגט **"כן ירבה"!**

## שאלה

### וואספארא ציור זאלן מיר האבן פון השי"ת ווען מיר דאווענען?

## ענטפער:

עס זענען דא צוויי חלקים דא, איינס איז וואס מיר דארפן **טראכטן** און איינס וואס מיר דארפן **וויסן**. מיר דארפן **וויסן** אז "אין לו גוף" – ער האט בכלל נישט קיין שום צורה וואס איז פיזיש. ווייל ווען מען רעדט למשל פון עלעקטעריציטעט, איר מיינט אז מען קען זען עלעקטעריציטעט? מען קען עס קיינמאל נישט זען, קיינמאל אין לעבן. אבער מען זעט די אפעקט, די תוצאה פון עלעקטעריציטעט. עס ווערט פארוואנדלט אין לעקטער, עס ווערט פארוואנדלט אין קול, אין היץ, אין באוועגונג. אבער דאס איז נישט עלעקטעריציטעט, דאס איז בלויז די אפעקט פון די עלעקטעריציטעט. מען קען זען די רעזולטאט פון

פאר הערות שיקט אן אימעיל צו RebAvigdorAnswers@gmail.com

עלעקטעריציטעט, אבער די זאך אליינס קען מען קיינמאל אין די וועלט נישט זען. קיינער האט נאך קיינמאל נישט געזען קיין עלעקטעריציטעט און קיינער וועט עס קיינמאל נישט זען.

דערפאר, אפילו מען קען זען די רעזולטאט פון דעם איבערשטנ'ס מעשים, קען מען אבער נישט זען השי"ת – ווייל ער איז נישט קיין פיזישע זאך, ווי א שטיק האלץ. ענערגיע איז עפעס וואס מען קען נישט זען מיט די אויגן, אבער ס'איז דא, עס איז אזוי עכט ווי עס קען נאר זיין, די ענערגיע. אבער מען קען קיינמאל נישט זען קיין ענערגיע. איז השי"ת איז א פארעם פון ענערגיע; **ער איז די ענערגיע פון אלע ענערגיעס**. "א–ל" מיינט אז ער איז די **כח**, ער איז די ענערגיע הינטער אלעם.

ווייל באמת איז אפילו א שטיקל האלץ גארנישט חוץ ענערגיע, דאס ווייסן מיר. חומר איז בלויז נאך א פארעם פון ענערגיע; זיי טוישן זיך אויף איינער מיט'ן צווייטן. און אזוי פארשטייען מיר אז השי"ת איז די ענערגיע הינטער אלעם – אבער ס'איז גארנישט דא פיזיש וועגן אים בכלל.

אבער דאך, ווען מיר רעדן צו השי"ת, איז פאר אונזער תועלת, גיבט ער אונז **רשות** זיך אויסצומשל'ען ווי א רחמנות'דיגער אלטער חכם שטייט פארנט פון אונז און הערט אונז אויס – "כזקן מלא רחמים"; אדער ווי א קעניג זיצט אויף א שטוהל און קוקט אראפ מיט א ליבליכן בליק צו אונז און הערט אויס וואס מיר בעטן. יעדער מענטש קען אויסנוצן סיי־וועלכע בילד איז מער בענעפיטבאר צו אים. מיר האבן דעם רעכט צו **טראכטן** אזעלכע מחשבות, אבער מיר דארפן **וויסן** אז די מחשבות זענען בלויז **משלים** וואס זענען געמאכט אונז צו העלפן קונה זיין א באוואוסטזיין אין השי"ת. אבער אייגנטליך איז השי"ת ווייט העכער סיי־וועלכע פארעם וואס מען קען זיך נאר אמאל אויס'משל'ען. "אין לו דמות הגוף ואינו גוף". איז דערפאר, ביידע זאכן זענען אמת. מיר האבן א רעכט צו האבן א געוויסע ציור כדי צו קענען קונה זיין מער הכרה אין אים, אבער אין די זעלבע צייט דארפן מיר וויסן אז השי"ת איז העכער פון אלע ציורים וואס מיר קענען זיך בכלל אויס'משל'ען. (סעיף 920#)

## שאלה

**אפילו די ליטווישע רבנים אנערקענען היינט אז דער סאטמארער רבי איז א צדיק הדור. איז פארוואס שרייען זיי נישט קעגן געוויסע זאכן די זעלבע וועג ווי דער סאטמארער רבי טוט?**

## ענטפער:

דער ענטפער איז אז צו שרייען פארלאנגט זיך נישט בלויז איבערצייגונג, נאר עס פארלאנגט אויך **קוראזש**. און דערפאר, זענען דא אסאך מענטשן וועלכע גלייבן אין געוויסע יסודות אבער זיי ווילן זיך נישט אנטוישטעלן. זיי האבן נישט די זעלבע שטאפל פון **מסירת נפש** וואס פארלאנגט זיך זיך צו שלאגן פאר די יסודות. קוק, אסאך מאל קען עס זיין גאנץ אומבאקוועם. דערפאר איז פארשטענדליך אז אפילו מענטשן וועלכע זענען מסכים מיט'ן סאטמארער רב זענען אבער נישט אין די גיסטע זיך ארויסצושטעלן ברבים. (סעיף 107#)

### אויסצוג פון טעיפ 287# פינף טעג נאך די פטירה פון הרה"ק רבי יואל טייטלבוים מסאטמאר זצ"ל

אייגנטליך מוז איך אייך מגלה זיין אז איך האב ספעציעל אנגעהויבן די היינטיגע נושא (משה עבדי) מיט די כונה צו זאגן עפעס וועגן דעם סאטמארער רב ז"ל. ווייל אזא מאורע איז צו גרויס עס איבערצוהיפן אן עפעס א באמערקונג. מיר דארפן וויסן אז דער סאטמארער רב האט רעפרעזענטירט אן אלטע מסורה. ער איז געווען 93 יאר אלט, וואס מיינט אז ער האט געלעבט א גרויס חלק פון זיין לעבן אין די אלטע וועלט צווישן די אלטע תלמידי חכמים. און דערפאר, ווען ער איז אהערגעקומען האט ער מיטגעברענגט מיט זיך, נישט אמעריקאנער געדאנקען – ער האט מיטגעברענגט די ארגינעלע מסורה פונעם עם ישראל. ער האט מיט זיך פארגעשטעלט די המשכה פון אונזער גרויסן עבר. און נישט בלויז דאס, נאר ער איז געווען אן איש מלחמה, און זיין אנוועזנהייט דא האט געהאט א טיפע השפעה אויף יעדעם.

און עס איז בלויז "ויהי אחרי מות משה" – נאכדעם וואס משה דער עבד השם איז נפטר געווארן, ווען די מענטשן האבן געכאפט וועם זיי האבן אמאל געהאט. בלויז נאכדעם וואס דער סאטמארער רב איז יעצט נפטר געווארן וועלן מענטשן פארשטיין וואס זיי האבן אמאל געהאט, אבער האבן עס נישט גענוג געשעצט.

די שאלות ותשובות זענען איבערגעטייטשט געווארן אויף אידיש לזכות את הרבים. צו באקומען טעגליך אין אימעיל די ארגינעלע שו"ת (ענגליש), און סוף וואך א פולע שמועס אויף די פרשה, שיקט א פארלאנג צו info@torasavigdor.org, אדער גייט צו torasavigdor.org. צו באקומען א שו"ת וועכנטליך דורך תלמידו הרב אברהם טיקאצקי שליט"א, שיקט א פארלאנג צו tikotzky@gmail.com

סידור ועימוד ע"י מערכת להתענג וכל הזכויות שמורות

בס"ד

# שרייבט אייך איין צו באקומען די הערליכע גליונות קונטרסים
# וועכענטליך אויף אימעיל










$1
א וואך
מועדים $3

**ברילאנטענע און אייגנארטיגע גליונות קונטריסים, היימיש און געשמאק**

**זיך איינצושרייבן רופט מערכת להתענג: 845-662-2782**

אדער שיקט אן אימעיל צו Subscribe@Lehisaneg.com

# באשיינט אייער
# שמחה,
# שבת התוועדות

- סידורים
- חומשים
- זמירות
- גליונות

קאסטום לויט אייער געשמאק










צו באשטעלן רופט:

**מערכת להתענג 845-662-2782**

אדער שיקט אן אימעיל צו Lehisaneg@Lehisaneg.com

בס"ד

די דאזיגע גליון ערשיינט וועכנטליך אין די הערליכע קונטרסים

# עונג שבת/גוט שבת שע"י מערכת להתענג

צו באקומען די קונטריסים אויף אימעיל פאר בלויז $1 א וואך קליקט אויפן פאלגענדע לינק

http://goo.gl/forms/S8Ozcjl4K1

אדער שיקט אן אימעיל צו Subscribe@Lehisaneg.com

(אויף אונזער אימעיל ליסטע ווי אויך אויף לדעת, ערשיינט די גליון מיט צוויי וואכן אפגערוקט)

כל טוב